# ל. שאַפּיראָ

## ווײַסע חלה

### א.

אַ מאָל האָט אַ שכן מיט אַ שווערן שטיין איבערגעבראָכן בײַ אַ גאַסנהונט אַ פֿוס, און אַז וואַסיאַ האָט דערזען דעם שאַרפֿן שפּיץ פֿון ביין, וואָס האָט זיך דורכגעשניטן דורך די פֿעל, האָט ער געוויינט. און געוויינט האָט ער אַזוי: עס האָט בײַ אים גערינען פֿון די אויגן, פֿון מויל, פֿון דער נאָז, דער ווײַסער פֿלאַקסענער קאָפּ אויפֿן קורצן האַלדז איז אַרײַן נאָך טיפֿער צווישן די אַקסלען, דאָס גאַנצע פּנים איז געוואָרן אויסגעקרימט און אײַנגעשרומפּן, און קיין קול האָט מען פֿון אים ניט געהערט. – ער איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זיבן.

שפּעטער האָט ער שוין נישט געוויינט. אַלע אין הויז האָבן געטרונקן, זיך געשלאָגן מיט די שכנים, געשלאָגן איינער דעם צווייטן, די ווײַבער, דאָס פֿערד, די קו, און מאַנכמאָל, אין גאַנץ גרויסן כּעס, געשלאָגן זיך אַליין – מיט די קעפּ אָן וואַנט. מ׳האָט געהאַט אַ קליין שטיקל פֿעלד פֿאַר אַ גרויסע פֿאַמיליע, געהאָדעוועט שווער און אומגעלומפּערט, און געוווינט אַלע אין כאַטע – מענער, פֿרויען און קינדער געשלאָפֿן צוזאַמען אויף דער ערד. דאָס דאָרף איז געווען אַ קליינס און אַן אָרעמס און ווײַטלעך פֿון אַ שטעטל, און דאָס שטעטל, ווּהין מ׳פֿלעגט אַ מאָל פֿאָרן אויפֿן יריד, האָט אויסגעזען גרויס און רײַך אין וואַסיאַס אויגן.

אין שטעטל זענען געווען ״יידן״ – אַזעלכע מענטשן וואָס טראָגן מאָדנע מלבושים, זיצן אין קראָמען, עסן ווײַסע חלה, און האָבן פֿאַרקויפֿט קריסטוסן. דער לעצטער פּונקט איז געווען אַ ביסל נישט קלאָר: ווער איז דער דאָזיקער קריסטוס, און צו וואָס האָבן זיי אים פֿאַרקויפֿט, און ווער און צו וואָס האָט אים געקויפֿט, און וויפֿל האָבן זיי פֿאַר אים גענומען – די גאַנצע זאַך איז געווען ווי אין אַ נעבל. ווײַסע חלה, ווידער, האָט ער אַליין אַ פּאָר מאָל געזען, מיט די

אייגענע אויגן, נאָך מער – ער האָט אַ מאָל אַוועקגעגנבֿעט אַ שטיקל און אויפֿגעגעסן, און דערנאָך געשטאַנען אַ צײַט און זיך צוגעהערט צו זיך אַליין, מיט אַן אויסדרוק פֿון דערוואַרטונג און צווייפֿל אויף זײַן פּנים. ער האָט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען, נאָר דער רעספּעקט פֿאַר דער ווײַסער חלה איז אים פֿאַרבליבן.

אים האָט געפֿעלט אַ האַלבער ווערשאָק צו דער הויך, פֿון דעסטוועגן האָט מען אים צוגענומען, פֿאַר זײַנע ברייטע אַ ביסל געהויקערטע אַקסלען און קורצן דיקן האַלדז, וואָס האָבן זיך געפּאַסט צו זײַן פֿאַמיליענאָמען – ביק. דאָ האָט מען ווידער געשלאָגן – דער סטאַרשי, דער פֿעלדוועבל, די אָפֿיצירן, די סאָלדאַטן צווישן זיך – אַלע. דערלערנען די ״סלוזשבע״ איז געווען אוממעגלעך: ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען און נישט געדענקט. קיין גרויסער בעל-דברן איז ער אויך ניט געווען, און פֿלעגט עס אים שטאַרק צושפּאַרן עפּעס צו זאָגן, האָט ער ערשט ניט געקאָנט אַרויסברענגען קיין קלאַנג, נאָר זײַן פּנים פֿלעגט ווערן זייער אָנגעשטרענגט און דער נידריקער שטערן געקנייטשט. נישט מער, קאַשע און באָרשט האָט מען דאָ געגעבן גענוג. געוועזן דאָ אויך עטלעכע ייִדן, פֿון די דאָזיקע וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט קריסטוסן, נאָר אין די זעלנערישע קליידער און אָן דער ווײַסער חלה, האָבן זיי אויסגעזען כּמעט ווי אַלע מענטשן.

ב.

מ׳איז געפֿאָרן אויף באַנען, געגאַנגען צו-פֿוס, ווידער געפֿאָרן און ווידער געגאַנגען, געשטאַנען אויף לאַגער אין פֿעלד אָדער געווען אײַנקוואַרטירט אין עפּעס פֿרעמדע הײַזער – אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז בײַ וואַסילן אין קאָפּ האָט זיך אלץ איבערגעמישט. ער האָט שוין נישט געדענקט ווען דאָס אלץ האָט זיך אָנגעהויבן, וווּ ער איז געווען און ווער ער איז געווען איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן, אַזוי ווי ער וואָלט אַלע מאָל געגאַנגען פֿון שטאָט צו שטאָט צווישן צען- און הונדערט-טויזנטער סאָלדאַטן, אין פֿרעמדע ערטער מיט מאָדנע מענטשן וואָס רעדן אַזוי, אַז ס׳איז נישט צו פֿאַרשטיין און קוקן דערשראָקן אָדער ברוגז. קיין באַזונדער נײַעס איז, דאַכט זיך, נישט געשען, נישט מער, דאָס שלאָגן זיך איז געוואָרן דער תּוך פֿון לעבן: געשלאָגן האָבן זיך אַלע, און געשלאָגן האָט מען זיך נישט אַזוי זיך, נאָר אויף בלוט און טויט – מ׳האָט געשאָסן, געהאַקט מענטשן אויף

שטיקלעך, געשטאָכן, אַפּילו געביסן מיט די ציינער צײַטענווײַז. ער אַליין האָט געשלאָגן, און וואָס ווײַטער פֿאַרביסענער, און וואָס ווײַטער מיט מער הנאה. דאָס עסן איז איצט געקומען נישט רעגלמעסיק, געשלאָפֿן האָט מען ווייניק, געגאַנגען און געשלאָגן זיך אַ סך – און דאָס אלץ האָט אים שטאַרק צעטרייסלט. אַלע מאָל האָט זיך אים עפּעס געוואָלט, אַלע מאָל האָט ער עפּעס געפֿילט, און אַז אים האָט שטאַרק צוגעשפּאַרט, האָט ער געברילט ווי אַ גרעייצטער הונט, ווײַל זאָגן וואָס ער וויל האָט ער נישט געקאָנט.

דאָס לאַנד אַרום איז געוואָרן אַלץ העכער און העכער, קייטן ריזיקע בערג האָבן עס געשניטן אין אַלע זײַטן, און דער ווינטער האָט געהערשט איבער זיי ביטער און פֿאַרביסן. מ׳איז געקראָכן ביז די קני דורך טאָלן פֿול מיט טרוקענעם, קערנדיקן שניי, און אײַזקאַלטע ווינטן זענען ווי ריבײַזנס געגאַנגען איבערן פּנים און די הענט, נאָר די אָפֿיצירן זענען געווען מונטער און אַביסל גוטמוטיקער ווי שטענדיק און האָבן גערעדט וועגן נצחונות; און עסן, הגם נישט אַלע מאָל אין דער צײַט, האָט מען געגעבן גענוג. בײַ די נעכט האָט מען מאַנכמאָל דערלויבט פֿאַנאַנדערצולייגן פֿײַערן אויפֿן שניי, און דאַן זענען מאָנסטער-שאָטנס רוישלאָז אַרומגעלאָפֿן צווישן די בערג, און סאָלדאַטן האָבן געזונגען לידער, און וואַסיל האָט אויך געוואָלט זינגען – און האָט געברילט. געשלאָפֿן איז מען ווי געהרגעטע, אָן שרעק און חלומות, און מיטן טאָג האָבן די בערג ווידער און ווידער געענטפֿערט פֿון ערגעץ אויפֿן דונער פֿון די קאַנאָנען, און מענטשן האָבן ווידער געקלעטערט אַרויף און אַרויף.

ג.

אַ קוריער אויף אַ פֿערד איז ווי אַ ווילדער דורכגעפֿלויגן דעם לאַגער; אַן אָפּטיילונג קאַוואַלעריע, וואָס איז געווען אַוועק פֿאָרויס, איז פּלוצים אָנגעלאָפֿן צוריק און זיך פֿאַרנומען אָן אַ זײַט; צוויי באַטאַרייען זענען איבערגערוקט געוואָרן פֿון לינקס אויף רעכטס. די אַרומיקע בערג האָבן זיך אויפֿגעשפּאָלטן ווי פֿריש-געעפֿנטע ווולקאַנען, און אַ מבול פֿון פֿײַער, בלײַ און אײַזן איז אַראָפּגעקומען אויף דער וועלט.

דאָס האָט געדויערט לאַנג. פּיאָטר קודלע איז צעריסן געוואָרן אויף שטיקער, דער שיינער קריווענקאָ, דער "זאַפּיעוואַלאָ" פֿון דער ראָטע, איז געליגן מיטן פּנים אַראָפּ אין אַ קאַלוזשע בלוט, דער פֿאָרוטשיק סאָמאָוו, דער וואָס מיטן ווײַבערשן פּנימל, האָט פֿאַרלוירן אַ פֿוס, און בײַם ריז ניימאַן, דאָס שטרויהאָריקן עסט, האָט עס אַראָפּגעריסן דאָס גאַנצע געזיכט. געהרגעט געוואָרן דער געשטופּלטער גאַווריליאָוו. געהרגעט געוואָרן פֿון איין גראַנאַטע ביידע ברידער בולגאַטש, געהרגעט געוואָרן חיים אָסטראָווסקי, יאַן זאַטיקאַ, סטאַשעק פּיעפּרוש און דער קליינער לעט וואָס וואַסיל האָט זײַן נאָמען ניט געקאָנט אַרויסרעדן. דערנאָך האָט עס גענומען שנײַדן גאַנצע צייליענוויַז. עס איז געוואָרן אוממעגלעך צו האַלטן זיך ווײַטער, און דאַן איז אויפֿגעשפּרונגען נחום ראַטשיק, אַ לאַנגער מאָגערער יונגערמאַן וואָס האָט שטענדיק געשוויגן, און האָט אָן קאָמאַנדע זיך אַ וואָרף געטאָן פֿאָרויס, דאָס האָט אויפֿגעטרייסלט די צעדולטע סאָלדאַטן מיט אַ מאָל. דאָס געבראָכענע, געציינטע בערגל לינקס-צו, וואָס זײַנע באַטאַרייען האָבן אָנגעפֿירט דעם כאָר פֿון שׂונאס אַרטילעריע, איז גענומען געוואָרן כּמעט מיט די הוילע הענט, און זײַנע פֿאַרטיידיקער האָט מען אויסגעוואָרגן ווי די קעץ, נאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעצײַגט, אַז פֿון דער גאַנצער ראָטע זענען פֿאַרבליבן בלויז וואַסיל און נחום ראַטשיק. ראַטשיק איז נאָך דעם לאַנג געליגן אויף דער ערד און געבראָכן מיט דער גרינער גאַל, און נעבן אים האָט זיך געוואַלגערט זײַן ביקס מיטן "פּריקלאַר" פֿאַרשמירט אין בלוט און מאַרך. ער איז נישט געווען פֿאַרוווּנדעט, און אַז וואַסיל האָט אים געפֿרעגט וואָס אים איז, האָט ער נישט געענטפֿערט.

אַז די נאַכט איז געקומען האָט מען פֿאַרלאָזן די גענומענע פּאָזיציע און זיך געצויגן צוריק. ווי אַזוי און פֿאַרוואָס דאָס איז געשען האָט וואַסיל נישט געוווּסט, נאָר פֿון דאַן אָן האָט די אַרמיי זיך גענומען אַראָפּשיטן צוריק פֿון די בערג אַזוי ווי שטיינער: וואָס ווײַטער אַלץ האַסטיקער, אַלץ ווייניקער אין אָרדנונג, ביז לסוף איז מען געלאָפֿן, – געלאָפֿן אָן אָפּשטעל, אָן אויפֿהער, טאָג און נאַכט נאָכאַנאַנד. וואַסיל האָט קיין פּלעצער נישט דערקענט און יעדער אָרט איז פֿאַר אים געווען נײַ, און אַז מ׳גייט "צוריק" האָט ער בלויז געהערט און געשפּירט. די בערג-קייט צוזאַמען מיטן ווינטער איז שוין לאַנג געבליבן הינטן, און אַרום-און-אַרום איז געווען אַ ברייטער

ענדלאָזער פּליין און פֿרילינג אין פֿולן גאַנג, נאָר די אַרמיי איז אַלץ געלאָפֿן און געלאָפֿן. די אָפֿיצירן זענען געוואָרן ווילד, און האָבן געשלאָגן די סאָלדאַטן אָן אורזאַך און אָן רחמנות. עטלעכע מאָל האָט מען זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ קורצע צײַט – די קאַנאָנען האָבן געשריגן, אַ פֿײַערדיקער רעגן האָט געשמיסן די ערד, און מענטשן זענען געפֿאַלן ווי פֿליגן – דערנאָך איז מען ווײַטער געלאָפֿן.

ד.

עמיצער האָט געזאָגט, אַז אין אַלץ זענען שולדיק די זשידעס. ווידער די ייִדן! קריסטוסן האָבן זיי פֿאַרקויפֿט, און ווײַסע חלה עסן זיי, און דערצו זענען זיי שולדיק אין אַלץ. אין וואָס? – "אין אַלץ"? וואַסיל האָט געקנייטשט דעם שטערן און געפֿילט כּעס אויף די ייִדן און נאָך אויף עמעצן. עס האָבן זיך באַוויזן עפּעס בלעטלעך, געדרוקטע בלעטלעך אַזעלכע, וואָס עמעצער האָט געטיילט צווישן די סאָלדאַטן, און ווען מ׳איז געשטאַנען אין די ביוואַקן האָבן זיך געקליבן רעדלעך אַרום די וואָס האָבן געקענט לייענען. מ׳איז געשטאַנען, געהאָרכט און געשוויגן, – געשוויגן עפּעס מאָדנע, נישט ווי מענטשן שווײַגן. וואַסילן האָט אויך עמעצער געגעבן אַ בלעטל, ער האָט עס באַקוקט, באַטאַפּט, אַרײַנגעלייגט אין בוזעם און געגאַנגען הערן וואָס מ׳לייענט. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען אַ וואָרט, אויסער דעם אַז עס איז וועגן די זשידעס. ווי באַלד אַזוי, מוזן דאָך די יודן ויסן, האָט ער זיך געווענדט צו נחוב ראַטשיקן:

– נאַ, טשיטאַי.

ראַטשיק האָט אַ קוק געטאָן אין בלעטל, געוואָרפֿן אַ צווייטן און מאָדנעם בליק אויף וואַסילן און גאָרנישט געזאָגט. ער האָט געוואָלט אַוועקוואַרפֿן דאָס פּאַפּירל.

– וואַרף נישט – נישט דײַנס! – איז וואַסיל געוואָרן אויפֿגערעגט. ער האָט עס באַהאַלטן אין בוזעם און אַרומגעגאַנגען אַ געשפּאַנטער. דערנאָך איז ער ווידער צוגעשטאַנען צו ראַטשיקן:

– וואָס שטייט דאָ געשריבן? ס׳איז דאָך וועגן דיר! דאָ איז נחום אויך געוואָרן אין כּעס.

– נו, יאָ, ווענן מיר. אַז איך בין אַ פֿאַררעטער, פֿאַרשטייסט? אַז איך האָב פֿאַרראָטן, – נו, אַז איך בין אַ שפּיאָן, אָט ווי יענער דײַטש וואָס מ׳האָט אים געפּאַקט מיט פּאַפּירלעך און דערשאָסן, פֿאַרשטייסט?

וואַסיל האָט זיך דערשראָקן, און דער שטערן האָט גענומען בײַ אים שוויצן. ער איז אַוועק פֿון נחומן אַ צעטומלטער, געטאַפּט דאָס בלעטל און זיך געפּילט פּאַסקודנע. אָט דער נחום מוז זײַן אַ שלעכטער מענטש – אַזאַ כּעס אַרויסגעוויזן, און דערצו איז ער אַ שפּיאָן, אַליין געזאָגט, נאָר עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק – אַזוי נישט קלאָר און נישט גלאַטיק, אַז דער קאָפּ קנאַקט. טפֿו זאָל עס ווערן!

נאָך אַ לאַנגן לויפֿן איז מען ערגעץ געבליבן שטיין. דעם שׂונא האָט מען שוין עטלעכע טעג נישט געזען, קיין שיסערײַ האָט מען נישט געהערט, מ׳האָט נאָר געגראָבן טראַנשעען און זיך געגרייט צון עפּעס. אין אַ וואָך אַרום האָט זיך עס ווידער אָנגעהויבן. עס האָט זיך אַרויסגעצײַגט, אַז דער שונא איז ערגעץ גאָר נאָענט; ער זיצט אויך הינטער טראַנשעען וואָס מיט יעדן טאָג רוקן זיי זיך נענטער און נענטער, אַזוי אַז צײַטנווײַז זעט מען קעפּ אַרויסשטעקן איבער דער ברוסטווערק. מ׳האָט ווייניק געגעסן, נאָך ווייניקער געשלאָפֿן, און געשאָסן ערגעץ אַהין פֿון וואַנען קוילן זענען געקומען צוריק און געקלאַפּט אין ערדענעם אָנשיט, געזשומעט איבער די קעפּ און מאַנכמאָל זיך אײַנגעגראָבן אין מענטשלעכע גופֿים. האַרט נעבן וואַסילן, בײַ זײַן לינקער זײַט, איז אַלע מאָל געלעגן נחום ראַטשיק. ער האָט קיין מאָל נישט גערעדט קיין וואָרט, נאָר געלאָדן די ביקס און געשאָסן און געשאָסן, מעכאַניש און אומגעײַלט. וואַסיל האָט אים נישט געקאָנט סובֿל זײַן, און צײַטענווײַז האָט זיך אים געוואָלט אַ שטאָך טאָן אים פֿון הינטן מיטן באַיאָנעט. איין מאָל, ווען די שיסערײַ איז געווען באַזונדערס פֿאַרביסן, האָט וואַסיל זיך פּלוצים דערפֿילט מאָדנע אומרויִק. אויף איין אויגנבליק האָט ער זיך אומגעקוקט אויף ראַטשיקן און דערזען, אַז יענער ליגט אין דער זעלבער פּאָזע וואָס פֿריִער, אויפֿן בויך, און מיט דער ביקס אין האַנט, נאָר מיט אַ לאָך אין שטערן. עפּעס האָט זיך מיט וואַסילן איבערגעריסן מיט אַ קנאַק. מיט בלינדן כּעס האָט ער אַ שטויס געטאָן דעם טויטן גוף מיט אַ פֿוס און אים אָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך אָן אַ זײַט. דערנאָך האָט ער גענומען שיקן קוילן אַריבער דער ברוסטווערק איינע נאָך דער צווייטער, אָן אַכט און אָן טאָלק, און

דערבײַ אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ אונטערן גערדיכטן בלײַערנעם האָגל וואָס האָט געקלאַפּט אַרום אים.

יענע נאַכט האָט ער לאַנג נישט געקאָנט שלאָפֿן. ער האָט זיך געוואָרפֿן פֿון איין זײַט אויף דער צווייטער און געפֿלוכט אין דער שטיל. איין מאָל איז ער אויפֿגעשפּרונגען אין כּעס און זיך געלאָזן ערגעץ לויפֿן, נאָר אין וועג זיך דערמאָנט אַז ראַטשיק איז טויט, און מיט פֿאַרדרוס און שאַרפֿער חרטה זיך אַראָפּגעלאָזן צוריק אויף זײַן געלעגער. זשידעס – פֿאַררעטער – קריסטוסן פֿאַרקויפֿט – פֿאַרהאַנדלט פֿאַר אַ גראָשן!

און שוין אין שלאָף האָט ער געקריצט מיט די ציינער און געריסן פֿון זיך דאָס פֿלייש.

ה.

פֿאַרטאָג האָט וואַסיל פּלוצעם זיך אויפֿגעזעצט אויף זײַן האַרטן געלעגער אונטערן פֿרײַען הימל. אַ קאַלטער שווייס האָט באַשלאָגן זײַן גאַנצן קערפּער. די ציינער האָבן געקלאַפּט אַ צייל אָן אַ צייל, און די אויגן, קײַלעכיק און אויפֿגעריסן, האָבן ניריק געשטאָכן דעם בלינדן חושך. ווער איז דאָ געווען?

ס'איז געווען שטאַרק פֿינצטער און מוראדיק שטיל, נאָר ער האָט נאָך געהערט דעם שאַרך פֿון די ריזיקע פֿליגל און געשפּירט די קעלט פֿונעם שוואַרצן מאַנטל, וואָס האָט מיטן זוים זײַן פּנים באַרירט. עמעצער איז ווי אַ פֿראָסט אַריבער איבערן לאַגער, און דער לאַגער איז געבליבן שטום און פֿאַרגליווערט, אַן אָפֿענער קבר פֿון טויזנטער פּגרים, געטראָפֿן אין שלאָף, און געטראָגן אין האַרצן. ווער איז דאָ געווען? ווער איז דאָ געווען? –

בײַטאָג האָט מען געהרגעט דעם פּאָרוטשיק מוראַטאָוו פֿון פֿערטן באַטאַליאָן, יעניסייער פּאָלק. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ פּנים פֿון פּאַרמעט, אַ כּעסן און אַ שלעכטער, און די קויל וואָס האָט דורכגעבראָכן זײַן נאָזביין צווישן די אויגן איז געקומען פֿון זײַן אייגענעם באַטאַליאָן. אַז מ'האָט געפֿרעגט "ווער"? האָט דער באַטאַליאָן נישט געענטפֿערט, אַז מ'האָט געסטראַשעט צו באַשטראָפֿן אַלעמען האָט מען ניט געענטפֿערט, אַז מ'האָט געהייסן

אַוועקגעבן דאָס געווער האָט מען נישט געענטפֿערט. מ׳האָט אויסגעשטעלט געגן דעם באַטאַליִאָן די איבעריקע טײלן פֿון פּאָלק, נאָר אויף די קאָמאַנדע ״פּלי!״ האָט דער גאַנצער פּאָלק ווי איין מענטש אַראָפּגעלאָזן די ביקסן צו די פֿיס. דאַן האָט מען געבראַכט אַן אַנדער פּאָלק, און נאָך אַ שיסערײַ פֿון צען מינוטן איז פֿון צעבונטעוועטן באַטאַליִאָן קײנער נישט געבליבן.

אויף מאָרגן האָט מען צוויי אָפּיצירן צעהאַקט אויף שטיקער, און אין דרײַ טעג אַרום האָבן זיך צוויי קאַוואַלעריסטן צעשלאָגן, און אין גיכן האָט זיך אַ גאַנצער פּאָלק צעשפּאַלטן אויף צוויי צדדים און געשניטן אײנער דעם צווייטן ביז פֿון זיי אַלעמען איז געבליבן אַ קלײן הײפֿל מענטשן אויף די פֿיס.

דאַן האָבן זיך אין דער אַרמיי באַוויזן עפּעס מענטשלעך אין ציווילע קלײדער, און ווידער האָט מען גענומען טײלן בלעטלעך, און די אָפּיצירן האָבן אונטערגעהאַלטן, און אָן לאַנגע דרשות, נאָר ווי געהובעלט פֿלעקער און געהאַקט אין די קעפּ: זשידעס – פֿאַררעטער – שולדיק אין אַלץ.

ווידער האָט עמעץ וואַסילן געגעבן אַ בלעטל, נאָר דאָס מאָל האָט ער נישט גענומען. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון בוזעם, מיט ליבשאַפֿט און דרך-ארץ, ווי אַ קמיע, אַ שטיקל פּאַפּיר, צעקנייטשט, אָנגעריסן, פֿאַרשמאָלצן, און פֿאַרפֿלעקט מיט בלוט – און געוויזן: ער האָט, און געדענקט. דער פֿאַרטײלער, אַ מאָגער מענטשל מיט אַ זאַמדקאָלירענער באָרד, האָט צוגעמאַכט אײנס פֿון זײַנע קלײנע אײגלעך און מיטן צווייטן אָנגעקוקט אַ ווײַלע דעם נידעריקן, ברייטבײניקן סאָלדאַט מיטן קורצן דיקן האַלדז און די האַלב-אַרויסגעקראָכענע גרויע און וואַסערדיקע אויגן – דערנאָך האָט ער אים פֿרײַנדלעך אָנגעקלאַפּט אין פּלייצע און איז אַוועק מיט אַ מאָדנעם שמייכל אויף די ליפּן.

די ייִדישע סאָלדאַטן זענען ערגעץ פֿאַרשוווּנדן: מ׳האָט זיי אומבאַמערקט געזאַמלט און אַוועקגעשיקט פֿון דאַנען, קײנער האָט נישט געוווּסט וווּהין. דערפֿון האָבן זיך אַלע דערפֿילט פֿרײַער און היימישער, און כאָטש די פֿעלקער זענען געווען פֿאַרשידן, איז די דעה געווען אײנע. דער פֿרעמדער, דער פֿרעמדער איז אַוועק!

דערנאָך האָט עמעצער אַרויסגעלאָזן אַ וואָרט: "די ייִדישע מלוכה".

ו.

דאָס איז געווען דער לעצטער שטאַנד, און ווען דער איז געבראָכן געוואָרן, האָט מען זיך מער אין ערגעץ נישט אָפּגעשטעלט. מ'איז געלאָפֿן ווי חיות אין אַ שׂרפֿה אין סטעפּ – געמישטע מינים, איינציקווייַז אָדער גרופּנווייַז, אָן קאָמאַנדירן און אָן אַ סדר, נאָר אין טויטשרעק זיך געוואָרפֿן אין יעדן דורכגאַנג וואָס דער שׂונא האָט געלאָזן פֿרייַ. נישט אַלע האָבן געהאַט געווער, און אויף קיינעם זענען די קליידער נישט געווען גאַנץ, און דאָס וועש איז געזעסן ווי אַ הויט אויף די נישט-געוואַשענע לייַבער, און די זומערדיקע זון האָט געבאַקן מיט רציחה, און עסן האָט מען געגעסן ווען מ'האָט געפֿונען וואָס צו רויבן. אין די שטעט האָט מען שוין געהערט דאָס היימישע לשון, און אַרום האָבן זיך געשפּרייט די היימישע פֿעלדער, נאָר געווען זענען זיי נישט צו דערקענען, ווייַל דאָס פֿאַראַיאָריקע ברויט האָט געפֿוילט איינגעטראָטן אין דער ערד, און דאָס לאַנד איז געליגן טרוקן און גרוי און צעלעכערט, ווי דער פּגר פֿון אַ פֿאַרצוקטן אָקס, אין וועלכן וועלף האָבן זיך געגראָבן און דאָס אינגעווייד אַרויסגעפֿרעסן.

און בעת די חיילות אונטן האָבן געפּויזעט איבער דער ערד ווי נעסטן גרויע ווערעם, האָבן שאַרעס שוואַרצע ראָבן געשוועבט איבער זייערע קעפּ און געקראַקעט טרוקן און דראָבנע, ווי מ'רייַסט צעפֿוילטע לייַוונט, און געדרייט זיך אין פֿאַרפּלאָנטערטע קרייַזן, און געוואַרט אויף דאָס זייעריקע – און געוואַרט אויף דאָס זייעריקע.

צווישן קאָלאָוו און זשאַדיצאַ האָבן די פֿאַרהונגערטע און צערייצטע לעגיאָנען אָנגעיאָגט גרויסע מחנות ייִדן וואָס מ'האָט אַרויסגעיאָגט פֿון די גרענעץ-שטעט, מיט זייערע ווייַבער און קינדער, מיט קראַנקע און געפּעק. עמעצער האָט געזאָגט: "בעיִז" – קורץ און פֿאַרדרומפּן, ווי דער ווייַטער ב-בוך פֿון אַ האַרמאַט. וואַסיל האָט זיך תּחלת צוריקגעהאַלטן, נאָר די קוויטשיקע געשרייען פֿון די ווייַבער און קינדער און דער העסלעכער שרעק פֿון די מענער מיט די לאַנגע פּאות און צעפֿאָכטע קאַפּאָטעס האָבן אים אַזוי צערייצט, אַז ער האָט זיך אַרייַנגעשניטן אין די מחנה ווי אַ צעווילדערטער אָקס. זיי האָבן

געקראָגן דעם חסד פֿון שנעלקייט: די אַרמיי איז אַריבער איבער זיי ווי אַ סטאַדע גאַלאָפּירענדע פֿערד.

– די ייִדישע מלוכה!

דער אויסרוף איז מיטאַמאָל אַרויפֿגעפֿלויגן אין דער הויך און ווי אַ דונער איבערן הימל זיך איבערגעקײַקלט איבער די ווילדע לעגיאָנען, זיך אַריבערגעוואָרפֿן אין די דערפֿער, אין די שטעט און דערגרייכט די פֿאַרבאָרגענסטע ווינקלען פֿון לאַנד. די אַרמיי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די געגנט מיט בראַנד און שווערד. בײַנאַכט האָבן ברענענדע שטעט באַלויכטן זייער וועג, און בײַטאָג האָט דער רויך פֿאַרהויכט די זון און דעם הימל און אין וואַטענע קנוילן זיך געקײַקלט איבער דער ערד, און דערשטיקטע ראָבן זענען צײַטענווײַז געפֿאַלן צווישן די רייען און אויף די קעפּ פֿון די סאָלדאַטן. עס האָבן געברענט זיקאָוו, פּאָטאַפּנאָ, כאָלאָדנע, סטאַרי-יוג, שעליובקאַ; עס זענען אָפּגעווישט געוואָרן פֿון דער ערד אָסטראָגאָריִע, סאַוואַ, ריקאַ, ביעלאָיִע-קרילאָ און סטופּניק; ס׳איז אַוועק מיטן רויך די ייִדישע וועבער-שטאָט בּיִעלאָפּריאַזשאַ, עס האָט געפֿלאַקערט ווי אַ שײַטערהויפֿן דער ווינאָקורער וואַלד, ווו דרײַסיק טויזנט ייִדן האָבן געזוכט שוץ און באַהאַלטעניש, און דרײַ טאָג נאָכאַנאַנד האָבן ביטערע געשרייען, ווי בייזע, גיפֿטיקע גאַזן, זיך געהויבן פֿון וואַלד און זיך געשפּרייט איבער דער אומגעגנט. די ביסטרע אָבער שמאָלע סיניעוואָדקאַ איז אַ ביסל נידעריקער פֿון ליוצין אין גאַנצן פֿאַרשטאָפּט געוואָרן פֿון מענטשלעכע גופֿים און האָט פֿאַרפֿלייצט די פֿלאַכע פֿעלדער. אויף די חורבות פֿון דאָבראָסלאַוואַ איז געזעסן אַ משוגענער, דער איינציקער וואָס איז געבליבן פֿון דער שטאָט, און געבילט ווי אַ הונט.

די חיִילות זענען געוואַקסן. דער פּויער האָט פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף, דער בירגער האָט אַוועקגעוואָרפֿן די שטאָט, גלחים מיט איקאָנעס און צלמים אין די הענט האָבן געפֿירט פּראָצעסיִעס איבער די דערפֿער און פֿרום און באַגײַסטערט געבענטשט דאָס פֿאָלק, און ״די ייִדישע מלוכה״ איז געווען דאָס וואָרט. די ייִדן אַליין האָבן אײַנגעזען, אַז זייער לעצטע שטונדע האָט געשלאָגן – די סאַמע לעצטע, און ווער עס איז געבליבן לעבן איז געלאָפֿן שטאַרבן צווישן ייִדן, אין דער גרויסער שטאָט מאַליאַסי, דעם גרעסטן און עלטסטן

צענטער אין לאַנד, אַ מקום-תּורה פֿון פֿערצענטן יאָרהונדערט אָן, אַ שטאָט מיט אַלטע שולן און גרויסע ישיבֿות, מיט רבנים און געלערנטע פֿון היינטיקער צײַט, מיט יחוס פֿון לומדישן און סוחרישן שטאַנד. דאָ האָט מען געפֿאַסט תּעניתים בצבור, זיך מתודה געווען אויף חטאים, געבעטן מחילה פֿון שונאים און גוטע פֿרײַנט. עלטערע מענטשן האָבן געזאָגט תּהלים און סליחות און מעבר-יבוק, יונגערע האָבן געברענט תּבֿואות און קליידער, געהאַקט מעבל און אַלערליי חפֿצים, געבראָכן און פֿאַרניכטעט זאַכן וואָס האָבן געקענט ברענגען נוצן דער אָנקומענדיקער אַרמיי. און זי איז געקומען. געקומען פֿון אַלע זײַטן, פֿון אַלע זײַטן אָנגעצונדן די שטאָט און זיך אַרײַנגעגאָסן אין די גאַסן. יונגעלײַט האָבן געפּרוּווט זיך שטעלן אַנטקעגן און זענען אַרויס מיט רעוואָלווערן אין די הענט. די רעוואָלווערן האָבן געפּישטשעט ווי קינדערשע ראָדביקסלעך, די סאָלדאַטן האָבן געענטפֿערט מיט אַ דונער פֿון געלעכטער, און האָבן די יונגע לײַט געצויגן די אָדערן אײנציקווײַז און געבראָכן זייערע ביינער ווו מ׳האָט זיי געטראָפֿן און די ווײַבער אַרויסגעשלעפּט אין מאַרק.

ז.

איין קורצער, קײַלעכיקער קלאַפּ מיטן פֿויסט, און דער שלאָס איז אָפּגעשפּרונגען, און די טיר האָט זיך געעפֿנט.

וואַסיל האָט שוין צוויי מעת-לעת נישט געגעסן און נישט געשלאָפֿן. זײַן הויט האָט געברענט אין טרוקענער היץ, זײַנע ביינער זענען געווען ווי שלעכט צוזאַמענגעפּאַסט, די אויגן אָנגעגאָסן מיט בלוט, און דאָס געזיכט ביז אונטער זיי פֿאַרוואַקסן מיט קליינע, פֿלאַקס-ווײַסע הערעלעך.

עסן! – האָט ער הייזעריק אַרויסגעכריפּעט.

קיינער האָט נישט געענטפֿערט. בײַם טיש איז געשטאַנען אַ לאַנגער ייִד אין אַ שוואַרצער ראָק, מיט שוואַרצע באָרד און פּאות און כמאַרנע אויגן. ער האָט צונויפֿגעדריקט די ליפּן און פֿאַראַקשנט געשוויגן. וואַסיל האָט מיט כּעס געמאַכט אַ טריט פֿאָרויס און נאָכאַמאָל געזאָגט:

– עסן!

נאָר אַרויסגעקומען איז עס מיט אַ טאָן נידעריקער. נעבן אַ פֿענצטער האָט ער דערזען נאָך אַ פֿיגור. אַ יונגע פֿרוי, אין ווײַסן, מיט אַ שוואַרצע קאָפּ האָר. צוויי גרויסע אויגן – קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע גרויסע אויגן! – האָבן געקוקט אויף אים און אַריבער, און דער קוק פֿון די אויגן איז געווען אַזעלכער, אַז וואַסיל האָט אויף אַ רגע אַ הויב געטאָן אַ האַנט צו פֿאַרשטעלן זײַנע. ער האָט דערפֿילט, אַז זײַנע קני ציטערן און אַז ער גייט אָפּ, ווי נאָך אַ פֿראָסט. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿרוי? וואָס זענען עס פֿאַר מענטשן? גאָט! – צו וואָס, צו וואָס האָבן זיי געדאַרפֿט פֿאַרקויפֿן קריסטוסן! און דערצו זענען זיי שולדיק אין אַלץ – ראַטשיק אַליין געזאָגט – אַז מענטשן האַלטן אין איין שווײַגן, און קוקן קוקט מען אַלעמאָל ערגעץ אַריבער, אין אַל די שוואַרץ יאָר, און וואָס זענען זיי אויסן מיט דעם אַלץ! – און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט בײַם קאָפּ מיט ביידע הענט.

ער האָט עפּעס דערפֿילט – און זיך אומגעקוקט. דער ייִד איז געשטאַנען נעבן אים, טויט-בלאַס און מיט שׂנאה אין זײַנע אויגן. אַ ווײַלע האָט וואַסיל געקוקט שטומפּיק. און פּלוצים האָט ער אָנגעכאַפּט די שוואַרצע באָרד און זי אַ ריס געטאָן מיט רציחה.

אַ ווײַסע פֿיגור האָט זיך אַרײַנגעשלײַדערט צווישן זיי. אָבער דער כּעס האָט אים שוין געשווינדלט דעם קאָפּ און געשׂרפֿעט זײַן האַלדז. ער האָט אַ ריס געטון די ווײַסע פֿיגור מיט איין האַנט. טר-ר-ר! אַ לאַנגער פּאַס האָט זיך אַרויסגעשיילט פֿונם קלייד מיטן העמד צוזאַמען און געבליבן הענגען פֿאַרן אונטערשטן זוים. עס האָט געגעבן אַ פֿינקל אין זײַנע אויגן צום בלינד ווערן. אַ האַלבע ברוסט, אַ געטאָקטע זײַט, אַ פֿולע קײַלעכדיקע היפֿט – אַלס בלענד-ווײַס און פּוכקע, ווי ווײַסע חלה. צום טײַוול – אָט די זשידעס זענען אינגאַנצן געמאַכט פֿון ווײַסער חלה! אַ קאָכיקער שטראָם האָט אַ ברי געטאָן זײַן גאַנצן קערפּער פֿון אויבן ביז אַראָפּ, די האַנט איז אויפֿגעפֿלויגן ווי אַ שפּרינג-פֿעדער און זיך אַרײַנגעשאָסן אין ריס.

אַ האַנט האָט אָנגעכאַפּט זײַן האַלדז און זיך אײַנגעקלאַמערט אין פֿלייש. ער האָט לאַנגזאַם אומגעדרייט דעם קאָפּ צום ייִדן און געקוקט אַ ווײַלע מיט פֿאַרשמעלערטע אויגן און אויסגעשצירעטע ציין, נישט אַראָפּוואַרפֿענדיק די יונגעלש-שוואַכע פֿיגור פֿון זײַן קורצן האַלדז. דערנאָך האָט ער אויפֿגעהויבן די אַקסלען, זיך

אויסגעבויגן שטײַף און קײַלעכיק ווי אַ ראָד, אָנגענומען דעם ייִדן מיט בײדע הענט פֿאַר די פֿיס, אים אויפֿגעהויבן אין דער הויך און אַ האַק געטאָן מיטן רוקן אָן שאַרף פֿון טיש.

און אַוועקגעוואָרפֿן ווי אַ צעבראָכענעם שטעקן.

אַ קלײנער קרעכץ פֿון מאַן און אַ שנײַדיק געשריי פֿון דער פֿרוי. נאָר ער איז שוין געווען אויף איר. ער האָט זי צוגעדריקט צו דער ערד און געריסן די קליידער צוזאַמען מיטן פֿלייש. איצט איז זי געוואָרן העסלעך, דאָס פּנים פֿלעקיק רויט, רויט דער שפּיץ פֿון דער נאָז, און די האָר צעפּאַטלט און אויף די אויגן. ״מכשפֿה!״ האָט ער אַ קריץ געטאָן מיט די ציינער, אָנגעכאַפּט איר נאָז און אַ דריי געטאָן ווי אַ שרייפֿל. זי האָט אַרויסגעלאָזן אַ קוויטש – קורץ, מעכאַניש און צו הויך, ווי דער פֿײַף פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו. דער קוויטש האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין מאַרך און אינגאַנצן ווילד געמאַכט. ער האָט זי אָנגעכאַפּט בײַם האַלדז און פֿאַרשטיקט.

נעבן זײַנע אויגן האָט געציטערט אַ ווײַסע אַקסל, אויף וועלכן עס איז געזעסן אַ פֿולער, קײַלעכיק טראָפּן פֿריש און גלאַנציק בלוט. זײַנע נאָזלעפּל האָבן זיך באַוועגט, ווי פֿליגל. די ציין האָבן זיך צונויפֿגעשצימעט און גענומען זיך שאַרפֿן און פּלוצים האָבן זיי זיך פֿאַנאַנדערגענומען און זיך אײַנגעשניטן טיף אין ס׳ווײַסע פֿלייש.

– – – ווײַסע חלה האָט דעם טעם פֿון שטײַפֿן, זאַפֿטיקן פּאָמעראַנץ. דער זאַפֿט איז וואַרעם, דער זאַפֿט איז הייס, און וואָס מער מ׳זויגט מער ברענט דער דאָרשט. דער זאַפֿט איז שאַרף און געדיכט, און מאָדנע געווירצט, און זייער מאָדנע געווירצט.

דאָס איז געווען, ווי פֿליִען אין אַ שליטן פֿון אַ הויכן באַרג אַראָפּ, אַראָפּ. דאָס איז געווען, ווי טרינקען זיך אין שאַרפֿן ברענענדיקן ספּירט, דאָס איז געווען – בײדע.

אין אַ קרײַז, אין אַ קרײַז זענען די זאַפֿטן פֿון לעבן געגאַנגען פֿון קערפּער צו קערפּער – פֿון איינעם אין צווייטן, פֿון צווייטן אין ערשטן – אין אַ קרײַז, אין אַ קרײַז.

זײַלן רויך און זײַלן פֿלאַם האָבן געשטיגן צום הימל פֿון דער גאַנצער שטאָט. שפּעטער האָט געבראַכט דאָס פֿײַער אויפֿן גרויסן מזבח. די געשרייען פֿון די קרבנות – לאַנגע, געצויגענע, ענדלאָזע – זענען געווען זיס אין די אויערן פֿון אַ גאָט אַזוי אײביק ווי דער אײביקער גאָט. און די צאַרטע טײלן, שענקל און ברוסט, האָט געקראָגן דער כּהן.

---

באַאַרבעט און צוגעגרייט פֿון מירל שײנהויט הירשאַן, נח מילער, לעאָנאַרד פּראַגער און רפֿאל פֿינקל.

Copyright © 2001 Noyekh Miller and Leonard Prager
All Rights Reserved